31 און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען און צו זיינע זין: קאָכט דאָס פלייש ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד, און דאָרטן זאָלט איר עס עסן, מיט דעם ברויט וואָס אין דעם קאָרב פון דערפילונג, לויט ווי איך האָב באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: אַהרן און זיינע זין זאָלן עס עסן. 32 און וואָס בלייבט פון דעם פלייש און פון דעם ברויט, זאָלט איר אין פייער פאַרברענען. 33 און פון דעם אַיינגאַנג פון אוהל־מועד זאָלט איר ניט אַרויסגיין זיבן טעג, ביז דעם טאָג וואָס די טעג פון אַייער דערפילונג ווערן פול; וואָרום זיבן טעג וועט מען דערפילן אַייער האַנט. 34 אַזוי ווי מע האָט געטאָן היינטיקן טאָג, האָט גאָט באַפוילן צו טאָן, כדי מכפר צו זיין אויף אַייך. 35 און אין דעם אַיינגאַנג פון אוהל־מועד זאָלט איר בלייבן טאָג און נאַכט זיבן טעג, און היטן די היטונג פון גאָט, כדי איר זאָלט ניט שטאַרבן; וואָרום אַזוי בין איך באַפוילן געוואָרן.

36 און אַהרן און זיינע זין האָבן געטאָן אַלע זאַכן וואָס גאָט האָט באַפוילן דורך משהן.

לא וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־אַהֲרֹן וְאֶל־בָּנָיו בַּשְּׁלוּ אֶת־הַבָּשָׂר פֶּתַח
אֹהֶל מוֹעֵד וְשָׁם תֹּאכְלוּ אֹתוֹ וְאֶת־הַלֶּחֶם אֲשֶׁר בְּסַל
לב הַמִּלֻּאִים כַּאֲשֶׁר צִוֵּיתִי לֵאמֹר אַהֲרֹן וּבָנָיו יֹאכְלֻהוּ: וְהַנּוֹתָר
מפ' בַּבָּשָׂר וּבַלָּחֶם בָּאֵשׁ תִּשְׂרֹפוּ: וּמִפֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד לֹא
תֵצְאוּ שִׁבְעַת יָמִים עַד יוֹם מְלֹאת יְמֵי מִלֻּאֵיכֶם כִּי שִׁבְעַת
לד יָמִים יְמַלֵּא אֶת־יֶדְכֶם: כַּאֲשֶׁר עָשָׂה בַּיּוֹם הַזֶּה צִוָּה יְהוָה
לה לַעֲשֹׂת לְכַפֵּר עֲלֵיכֶם: וּפֶתַח אֹהֶל מוֹעֵד תֵּשְׁבוּ יוֹמָם
וָלַיְלָה שִׁבְעַת יָמִים וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־מִשְׁמֶרֶת יְהוָה וְלֹא
לו תָמוּתוּ כִּי־כֵן צֻוֵּיתִי: וַיַּעַשׂ אַהֲרֹן וּבָנָיו אֵת כָּל־הַדְּבָרִים
אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה: ס

# שְׁמִינִי

ט

1 און עס איז געווען אויפן אַכטן טאָג, האָט משה גערופן אַהרנען, און זיינע זין, און די עלטסטע פון ישׂראל. 2 און ער האָט געזאָגט צו אַהרנען: נעם דיר אַ קאַלב, אַ יונג רינד, פאַר אַ זינדאָפּפער, און אַ ווידער פאַר אַ בראַנדאָפּפער, אָן אַ פעלער, און זיי מקריב פאַר גאָט. 3 און צו די קינדער פון ישׂראל זאָלסטו רעדן, אַזוי צו זאָגן: נעמט אַ ציגנבאָק פאַר אַ זינדאָפּפער; און אַ קאַלב און אַ שעפּס, יאָריקע אָן אַ פעלער, פאַר בראַנד־אָפּפער; 4 און אַן אָקס און אַ ווידער פאַר פרידאָפּפער, צו שלאַכטן פאַר גאָט; און אַ שפּייזאָפּפער פאַרמישט מיט אייל; וואָרום היינט טוט זיך גאָט באַווייזן צו אַייך.

5 האָבן זיי געבראַכט וואָס משה האָט באַפוילן פאַרן אוהל־מועד, און די גאַנצע עדה האָט גענענט, און זיך גע־שטעלט פאַר גאָט. 6 און משה האָט געזאָגט: דאָס איז די זאַך וואָס גאָט האָט באַפוילן איר זאָלט טאָן, כדי די פראַכט פון גאָט זאָל זיך באַווייזן צו אַייך. 7 און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען: גענען צום מזבח, און מאַך דיין זינדאָפּפער און דיין בראַנדאָפּפער, און זיי מכפר אויף זיך און אויפן פאָלק; און מאַך דעם קרבן פון פאָלק, און זיי מכפר אויף זיי, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן.

8 האָט אַהרן גענענט צום מזבח, און האָט געשאָכטן דאָס קאַלב פון זינדאָפּפער וואָס פאַר אים. 9 און די זין פון אַהרנען האָבן גענענט צו אים דאָס בלוט, און ער האָט אַיינגעטונקט זיין פינגער אין דעם בלוט, און אַרויפגעטאָן אויף די הערנער פון מזבח, און דאָס [איבעריקע] בלוט האָט ער אויסגעגאָסן אָן גרונט פון מזבח. 10 און דאָס פעטס, און די נירן, און דאָס רויטפלייש פון לעבער, פון דעם זינדאָפּפער,

א וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי קָרָא מֹשֶׁה לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו וּלְזִקְנֵי
ב יִשְׂרָאֵל: וַיֹּאמֶר אֶל־אַהֲרֹן קַח־לְךָ עֵגֶל בֶּן־בָּקָר לְחַטָּאת
ג וְאַיִל לְעֹלָה תְּמִימִם וְהַקְרֵב לִפְנֵי יְהוָה: וְאֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
תְּדַבֵּר לֵאמֹר קְחוּ שְׂעִיר־עִזִּים לְחַטָּאת וְעֵגֶל וָכֶבֶשׂ בְּנֵי־
ד שָׁנָה תְּמִימִם לְעֹלָה: וְשׁוֹר וָאַיִל לִשְׁלָמִים לִזְבֹּחַ לִפְנֵי
יְהוָה וּמִנְחָה בְּלוּלָה בַשָּׁמֶן כִּי הַיּוֹם יְהוָה נִרְאָה
ה אֲלֵיכֶם: וַיִּקְחוּ אֵת אֲשֶׁר צִוָּה מֹשֶׁה אֶל־פְּנֵי אֹהֶל מוֹעֵד
ו וַיִּקְרְבוּ כָּל־הָעֵדָה וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי יְהוָה: וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה
זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה תַּעֲשׂוּ וְיֵרָא אֲלֵיכֶם כְּבוֹד
ז יְהוָה: וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־אַהֲרֹן קְרַב אֶל־הַמִּזְבֵּחַ וַעֲשֵׂה
אֶת־חַטָּאתְךָ וְאֶת־עֹלָתֶךָ וְכַפֵּר בַּעַדְךָ וּבְעַד הָעָם וַעֲשֵׂה
ח אֶת־קָרְבַּן הָעָם וְכַפֵּר בַּעֲדָם כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה: וַיִּקְרַב
אַהֲרֹן אֶל־הַמִּזְבֵּחַ וַיִּשְׁחַט אֶת־עֵגֶל הַחַטָּאת אֲשֶׁר־לוֹ:
ט וַיַּקְרִבוּ בְּנֵי אַהֲרֹן אֶת־הַדָּם אֵלָיו וַיִּטְבֹּל אֶצְבָּעוֹ בַּדָּם
וַיִּתֵּן עַל־קַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ וְאֶת־הַדָּם יָצַק אֶל־יְסוֹד הַמִּזְבֵּחַ:
י וְאֶת־הַחֵלֶב וְאֶת־הַכְּלָיֹת וְאֶת־הַיֹּתֶרֶת מִן־הַכָּבֵד מִן

והחטאת הקטיר המזבחה כאשר צוה יהוה את־
יא משה: ואת־הבשר ואת־העור שרף באש מחוץ למחנה:
יב וישחט את־העלה וימצאו בני אהרן אליו את־הדם
יג ויזרקהו על־המזבח סביב: ואת־העלה המציאו אליו
יד לנתחיה ואת־הראש ויקטר על־המזבח: וירחץ את־
טו הקרב ואת־הכרעים ויקטר על־העלה המזבחה: ויקרב
את קרבן העם ויקח את־שעיר החטאת אשר לעם
טז וישחטהו ויחטאהו כראשון: ויקרב את־העלה ויעשה
שני במשפט: ויקרב את־המנחה וימלא כפו ממנה ויקטר
יח על־המזבח מלבד עלת הבקר: וישחט את־השור ואת־
האיל זבח השלמים אשר לעם וימצאו בני אהרן את־
יט הדם אליו ויזרקהו על־המזבח סביב: ואת־החלבים
מן־השור ומן־האיל האליה והמכסה והכלית ויתרת
כ הכבד: וישימו את־החלבים על־החזות ויקטר החלבים
כא המזבחה: ואת החזות ואת שוק הימין הניף אהרן
כב תנופה לפני יהוה כאשר צוה משה: וישא אהרן את־
ידו אל־העם ויברכם וירד מעשת החטאת והעלה
כג והשלמים: ויבא משה ואהרן אל־אהל מועד ויצאו ויברכו
שלי את־העם וירא כבוד־יהוה אל־כל־העם: ותצא אש
מלפני יהוה ותאכל על־המזבח את־העלה ואת־החלבים
וירא כל־העם וירנו ויפלו על־פניהם:

י

א ויקחו בני־אהרן נדב ואביהוא איש מחתתו ויתנו בהן
אש וישימו עליה קטרת ויקריבו לפני יהוה אש זרה
ב אשר לא צוה אתם: ותצא אש מלפני יהוה ותאכל
ג אותם וימתו לפני יהוה: ויאמר משה אל־אהרן הוא
אשר־דבר יהוה | לאמר בקרבי אקדש ועל־פני כל־העם

ט, כב׳ ידיו ק

האָט ער געדעמפט אויפן מזבח, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן. 11 און דאָס פליש און דאָס פעל האָט מען פאַרברענט אין פייער אויסן לאַגער. 12 און ער האָט געשאָכטן דאָס בראַנדאָפּפער, און די זין פון אַהרנען האָבן אים דערלאַנגט דאָס בלוט, און ער האָט עס געשפּרענגט אויפן מזבח רונד אַרום. 13 און זיי האָבן אים דערלאַנגט דאָס בראַנדאָפּפער אין זיינע שטיקער, און דעם קאָפּ, און ער האָט עס געדעמפט אויפן מזבח. 14 און ער האָט אָפּגעשווענקט די אינגעווייד און די קני, און געדעמפט איבער דעם בראַנדאָפּפער אויפן מזבח. 15 און ער האָט געמאַכט גענענען דעם קרבן פון פאָלק; און ער האָט גענומען דעם באָק פון זינדאָפּפער וואָס פאַרן פאָלק, און האָט אים געשאָכטן, און אים אויפגעבראַכט פאַר אַ זינדאָפּפער אַזוי ווי דאָס ערשטע. 16 און ער האָט געמאַכט גענענען דאָס בראַנדאָפּפער, און האָט עס געמאַכט אַזוי ווי דער דין. 17 און ער האָט געמאַכט גענענען דאָס שפּייזאָפּפער, און האָט אָנגעפילט זיין האַנט דערפון, און געדעמפט אויפן מזבח, אַחוץ דעם בראַנדאָפּפער פון אין דער פרי. 18 און ער האָט געשאָכטן דעם אָקס און דעם ווידער, דאָס פרידאָפּפער וואָס פאַרן פאָלק; און די זין פון אַהרנען האָבן אים דערלאַנגט דאָס בלוט, און ער האָט עס געשפּרענגט אויפן מזבח רונד אַרום. 19 און דאָס פעטס פון דעם אָקס און פון דעם ווידער, דעם ווידל, און דאָס וואָס דעקט צו [די אינגעווייד], און די נירן, און דאָס רויטפליש פון לעבער— 20 דאָס פעטס האָבן זיי אַרויפגעטאָן אויף די ברוסטן, און ער האָט געדעמפט דאָס פעטס אויפן מזבח. 21 און די ברוסטן און דעם רעכטן שענקל האָט אַהרן אויפגעהויבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט, אַזוי ווי משה האָט באַפוילן. 22 און אַהרן האָט אויפגעהויבן זיינע הענט צום פאָלק, און האָט זיי געבענטשט; און ער האָט אַראָפּגענידערט פון מאַכן דאָס זינדאָפּפער און דאָס בראַנדאָפּפער און דאָס פרידאָפּפער. 23 און משה און אַהרן זיינען אַריינגעגאַנגען אין אוהל־מועד, און זיינען אַרויסגעגאַנגען און האָבן געבענטשט דאָס פאָלק; און די פּראַכט פון גאָט האָט זיך באַוויזן צום גאַנצן פאָלק. 24 און אַ פייער איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר גאָט, און האָט פאַרצערט אויפן מזבח דאָס בראַנדאָפּפער און דאָס פעטס. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען, און זיי האָבן אויסגעשריען, און זיינען געפאַלן אויף זייער פנים.

י 1 און די זין פון אַהרנען, נדב און אַביהוא, האָבן גענומען איטלעכער זיין פייערפאַן, און האָבן אַריינגעלייגט דערין פייער, און אַרויפגעטאָן דערויף ווייריך, און געבראַכט פאַר גאָט פרעמד פייער, וואָס ער האָט זיי ניט באַפוילן. 2 איז אַרויס אַ פייער פון פאַר גאָט, און האָט זיי פאַרצערט, און זיי זיינען געשטאָרבן פאַר גאָט. 3 און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען: דאָס איז וואָס גאָט האָט גערעדט, אַזוי צו זאָגן:

דורך מיינע נאָענטע וועל איך געהייליקט ווערן,
און פאַרן גאַנצן פאָלק וועל איך געערלעכט ווערן.

און אַהרן האָט געשוויגן. 4 און משה האָט גערופן
מישאל און אֶלצָפָן, די זין פון עוזיאל, אַהרנס פעטער,
און האָט צו זיי געזאָגט: גענענט, טראָגט אַרויס אייערע
ברידער פון פאַר דעם הייליקטום אויסן לאַגער. 5 האָבן
זיי גענענט, און האָבן זיי אַרויסגעטראָגן אין זייערע העמד־
לעך אויסן לאַגער, אַזוי ווי משה האָט גערעדט.

6 און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען, און צו אֶלעָזרן
און צו איתָמָרן, זיינע זין: אייערע קעפּ זאָלט איר ניט
לאָזן פאַרוואַקסן, און אייערע קליידער זאָלט איר ניט
איינרייסן, כּדי איר זאָלט ניט שטאַרבן, און אויף דער
גאַנצער עדה וועט ער צערענען; נאָר אייערע ברידער,
דאָס גאַנצע הויז פון ישראל, זאָלן באַוויינען די פאַר־
ברענונג וואָס גאָט האָט פאַרברענט. 7 און פון איינגאַנג
פון אוהל־מועד זאָלט איר ניט אַרויסגיין, כּדי איר זאָלט
ניט שטאַרבן; וואָרום דאָס אייל פון גאָטס זאַלבונג איז
אויף אייך.

און זיי האָבן געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון משהן.

8 און גאָט האָט גערעדט צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן:
9 ווין און שטאַרק געטראַנק זאָלסטו ניט טרינקען, דו און
דיינע זין מיט דיר, ווען איר גייט אַריין אין אוהל־מועד,
כּדי איר זאָלט ניט שטאַרבן; אַן אייביק געזעץ אויף
אייערע דור־דורות; 10 כּדי איר זאָלט אָפּשיידן צווישן
הייליקן און אומהייליקן, און צווישן אומריינעם און
ריינעם; 11 און לערנען די קינדער פון ישראל אַלע געזעצן וואָס גאָט האָט זיי געהייסן דורך משהן.

12 און משה האָט גערעדט צו אַהרנען, און צו אֶלעָזרן און צו איתָמָרן, זיינע געבליבענע זין: נעמט דאָס שפּייז־
אָפּפער וואָס בלייבט פון די פייעראָפּפער פון גאָט, און עסט עס אומגעזויערט לעבן מזבח; וואָרום אַ הייליקסטע
הייליקייט איז דאָס. 13 און איר זאָלט עס עסן אין אַ הייליקן אָרט, וויל דיין רעכט און דיינע קינדערס רעכט
איז דאָס פון די פייעראָפּפער פון גאָט; וואָרום אַזוי בין איך באַפוילן געוואָרן. 14 און די ברוסט פון אויפהייבונג און
דעם שענקל פון אָפּשיידונג זאָלט איר עסן אין אַ ריינעם אָרט, דו, און דיינע זין און דיינע טעכטער מיט דיר; וואָרום
ווי דיין רעכט און דיינע קינדערס רעכט זיינען זיי געגעבן געוואָרן פון די פרידאָפּפער פון די קינדער פון ישראל.
15 דעם שענקל פון אָפּשיידונג און די ברוסט פון אויפהייבונג זאָלן זיי ברענגען מיט די פייעראָפּפער פון פעטס, כּדי זיי
אויפצוהייבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט; און עס זאָל געהערן צו דיר, און צו דיינע קינדער מיט דיר, פאַר אַן אייביקן
רעכט, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן.

16 און משה האָט נאָכגעפרעגט וועגן דעם באָק פון זינדאָפּפער, ערשט ער איז פאַר־
ברענט געוואָרן. האָט ער געצערנט אויף אֶלעָזרן און אויף איתָמָרן, אַהרנס געבליבענע זין, אַזוי צו זאָגן:
17 פאַרוואָס האָט איר ניט געגעסן דאָס זינדאָפּפער אין הייליקן אָרט? וואָרום אַ הייליקסטע הייליקייט איז
דאָס, און ער האָט דאָס אייך געגעבן, כּדי צו נעמען אויף זיך די זינד פון דער עדה, מכפּר צו זיין

ד אֶכָּבֵד וַיִּדֹּם אַהֲרֹן׃ וַיִּקְרָא מֹשֶׁה אֶל־מִישָׁאֵל וְאֶל אֶלְצָפָן
בְּנֵי עֻזִּיאֵל דֹּד אַהֲרֹן וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם קִרְבוּ שְׂאוּ אֶת־אֲחֵיכֶם
ה מֵאֵת פְּנֵי־הַקֹּדֶשׁ אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה׃ וַיִּקְרְבוּ וַיִּשָּׂאֻם
בְּכֻתֳּנֹתָם אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה׃ וַיֹּאמֶר
מֹשֶׁה אֶל־אַהֲרֹן וּלְאֶלְעָזָר וּלְאִיתָמָר ׀ בָּנָיו רָאשֵׁיכֶם אַל־
תִּפְרָעוּ ׀ וּבִגְדֵיכֶם לֹא־תִפְרֹמוּ וְלֹא תָמֻתוּ וְעַל כָּל־הָעֵדָה
יִקְצֹף וַאֲחֵיכֶם כָּל־בֵּית יִשְׂרָאֵל יִבְכּוּ אֶת־הַשְּׂרֵפָה אֲשֶׁר
ז שָׂרַף יְהוָה׃ וּמִפֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד לֹא תֵצְאוּ פֶּן־תָּמֻתוּ כִּי־
שֶׁמֶן מִשְׁחַת יְהוָה עֲלֵיכֶם וַיַּעֲשׂוּ כִּדְבַר מֹשֶׁה׃ פ
ח ט וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר׃ יַיִן וְשֵׁכָר אַל־תֵּשְׁתְּ ׀
אַתָּה ׀ וּבָנֶיךָ אִתָּךְ בְּבֹאֲכֶם אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד וְלֹא תָמֻתוּ
י חֻקַּת עוֹלָם לְדֹרֹתֵיכֶם׃ וּלְהַבְדִּיל בֵּין הַקֹּדֶשׁ וּבֵין הַחֹל
יא וּבֵין הַטָּמֵא וּבֵין הַטָּהוֹר׃ וּלְהוֹרֹת אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵת
כָּל־הַחֻקִּים אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֲלֵיהֶם בְּיַד־מֹשֶׁה׃ פ
רב׳ וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל־אַהֲרֹן וְאֶל אֶלְעָזָר וְאֶל־אִיתָמָר ׀ בָּנָיו
הַנּוֹתָרִים קְחוּ אֶת־הַמִּנְחָה הַנּוֹתֶרֶת מֵאִשֵּׁי יְהוָה וְאִכְלוּהָ
יג מַצּוֹת אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ כִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא׃ וַאֲכַלְתֶּם
אֹתָהּ בְּמָקוֹם קָדוֹשׁ כִּי חָקְךָ וְחָק־בָּנֶיךָ הִוא מֵאִשֵּׁי יְהוָה
יד כִּי־כֵן צֻוֵּיתִי׃ וְאֵת חֲזֵה הַתְּנוּפָה וְאֵת ׀ שׁוֹק הַתְּרוּמָה
תֹּאכְלוּ בְּמָקוֹם טָהוֹר אַתָּה וּבָנֶיךָ וּבְנֹתֶיךָ אִתָּךְ כִּי־חָקְךָ
טו וְחָק־בָּנֶיךָ נִתְּנוּ מִזִּבְחֵי שַׁלְמֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ שׁוֹק הַתְּרוּמָה
וַחֲזֵה הַתְּנוּפָה עַל אִשֵּׁי הַחֲלָבִים יָבִיאוּ לְהָנִיף תְּנוּפָה
לִפְנֵי יְהוָה וְהָיָה לְךָ וּלְבָנֶיךָ אִתְּךָ לְחָק־עוֹלָם כַּאֲשֶׁר
חמ׳ צִוָּה יְהוָה׃ וְאֵת ׀ שְׂעִיר הַחַטָּאת דָּרֹשׁ דָּרַשׁ מֹשֶׁה וְהִנֵּה
שֹׂרָף וַיִּקְצֹף עַל־אֶלְעָזָר וְעַל־אִיתָמָר בְּנֵי אַהֲרֹן הַנּוֹתָרִם
יז לֵאמֹר׃ מַדּוּעַ לֹא־אֲכַלְתֶּם אֶת־הַחַטָּאת בִּמְקוֹם הַקֹּדֶשׁ
כִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא וְאֹתָהּ ׀ נָתַן לָכֶם לָשֵׂאת אֶת־עֲוֹן

ד׳ הקרא ישעים הגריש קדם התרסא   טז׳ דרש בראש שיטה והוא חצי התורה בתיבות

הָעֵדָה לְכַפֵּר עֲלֵיהֶם לִפְנֵי יְהוָה׃ הֵן לֹא־הוּבָא אֶת־ יח
דָּמָהּ אֶל־הַקֹּדֶשׁ פְּנִימָה אָכוֹל תֹּאכְלוּ אֹתָהּ בַּקֹּדֶשׁ כַּאֲשֶׁר
צִוֵּיתִי׃ וַיְדַבֵּר אַהֲרֹן אֶל־מֹשֶׁה הֵן הַיּוֹם הִקְרִיבוּ אֶת־ יט
חַטָּאתָם וְאֶת־עֹלָתָם לִפְנֵי יְהוָה וַתִּקְרֶאנָה אֹתִי כָּאֵלֶּה
וְאָכַלְתִּי חַטָּאת הַיּוֹם הֲיִּיטַב בְּעֵינֵי יְהוָה׃ וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה כ
וַיִּיטַב בְּעֵינָיו׃ פ

## יא

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר אֲלֵהֶם׃ דַּבְּרוּ ששי
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ מִכָּל־ ב
הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר עַל־הָאָרֶץ׃ כֹּל ׀ מַפְרֶסֶת פַּרְסָה וְשֹׁסַעַת ג
שֶׁסַע פְּרָסֹת מַעֲלַת גֵּרָה בַּבְּהֵמָה אֹתָהּ תֹּאכֵלוּ׃ אַךְ אֶת־ ד
זֶה לֹא תֹאכְלוּ מִמַּעֲלֵי הַגֵּרָה וּמִמַּפְרִסֵי הַפַּרְסָה אֶת־
הַגָּמָל כִּי־מַעֲלֵה גֵרָה הוּא וּפַרְסָה אֵינֶנּוּ מַפְרִיס טָמֵא הוּא
לָכֶם׃ וְאֶת־הַשָּׁפָן כִּי־מַעֲלֵה גֵרָה הוּא וּפַרְסָה לֹא יַפְרִיס ה
טָמֵא הוּא לָכֶם׃ וְאֶת־הָאַרְנֶבֶת כִּי־מַעֲלַת גֵּרָה הִוא ו
וּפַרְסָה לֹא הִפְרִיסָה טְמֵאָה הִוא לָכֶם׃ וְאֶת־הַחֲזִיר כִּי־ ז
מַפְרִיס פַּרְסָה הוּא וְשֹׁסַע שֶׁסַע פַּרְסָה וְהוּא גֵּרָה לֹא־
יִגָּר טָמֵא הוּא לָכֶם׃ מִבְּשָׂרָם לֹא תֹאכֵלוּ וּבְנִבְלָתָם לֹא ח
תִגָּעוּ טְמֵאִים הֵם לָכֶם׃ אֶת־זֶה תֹּאכְלוּ מִכֹּל אֲשֶׁר בַּמָּיִם ט
כֹּל אֲשֶׁר־לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת בַּמַּיִם בַּיַּמִּים וּבַנְּחָלִים
אֹתָם תֹּאכֵלוּ׃ וְכֹל אֲשֶׁר אֵין־לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת בַּיַּמִּים י
וּבַנְּחָלִים מִכֹּל שֶׁרֶץ הַמַּיִם וּמִכֹּל נֶפֶשׁ הַחַיָּה אֲשֶׁר בַּמָּיִם
שֶׁקֶץ הֵם לָכֶם׃ וְשֶׁקֶץ יִהְיוּ לָכֶם מִבְּשָׂרָם לֹא תֹאכֵלוּ יא
וְאֶת־נִבְלָתָם תְּשַׁקֵּצוּ׃ כֹּל אֲשֶׁר אֵין־לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת יב
בַּמָּיִם שֶׁקֶץ הוּא לָכֶם׃ וְאֶת־אֵלֶּה תְּשַׁקְּצוּ מִן־הָעוֹף לֹא יג
יֵאָכְלוּ שֶׁקֶץ הֵם אֶת־הַנֶּשֶׁר וְאֶת־הַפֶּרֶס וְאֵת הָעָזְנִיָּה׃
וְאֶת־הַדָּאָה וְאֶת־הָאַיָּה לְמִינָהּ׃ אֵת כָּל־עֹרֵב לְמִינוֹ׃ יד טו
וְאֵת בַּת הַיַּעֲנָה וְאֶת־הַתַּחְמָס וְאֶת־הַשָּׁחַף וְאֶת־הַנֵּץ טז

אויף זיי פאַר גאָט. 18 זיין בלוט איז דאָך ניט געבראַכט געוואָרן אינעווייניק אין הייליקטום; עסן האָט איר עס געזאָלט עסן אין הייליקטום, אַזוי ווי איך האָב באַפוילן.

19 האָט אהרן גערעדט צו משהן: אָט האָבן זיי היינט געבראַכט זייער זינדאָפּפער און זייער בראַנדאָפּפער פאַר גאָט, און מיר האָט אַזוי וואָס געטראָפן, און אַז איך וואָלט געגעסן דאָס זינדאָפּפער היינט, וואָלט עס דען ווילגעפעלן אין די אויגן פון גאָט? 20 און משה האָט צוגע־הערט, און עס איז ווילגעפעלן אין זיינע אויגן.

**יא** 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, זיי אַזוי צו זאָגן: 2 רעדט צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: דאָס זיינען די לעבעדיקע זאַכן וואָס איר מעגט עסן פון אַלע בהמות וואָס אויף דער ערד. 3 איטלעכע וואָס איז באַקלויט מיט קלויען, און די קלויען זיינען ביי איר צעשפּאָלטן, וואָס איז מַעֲלֵה־גֵרָה צווישן בהמות, זי מעגט איר עסן. 4 אָבער דידאָזיקע טאָרט איר ניט עסן פון די וואָס זיינען מַעֲלֵה־גֵרָה, און פון די וואָס זיינען באַקלויט מיט קלויען: דעם קעמל, ווייל מַעֲלֵה־גֵרָה איז ער, אָבער מיט קלויען איז ער ניט באַקלויט; ער איז אומריין פאַר אייך. 5 און דעם קיניגל, ווייל מַעֲלֵה־גֵרָה איז ער, אָבער מיט קלויען איז ער ניט באַקלויט; ער איז אומריין פאַר אייך. 6 און דעם האָז, ווייל מַעֲלֵה־גֵרָה איז ער, אָבער מיט קלויען איז ער ניט באַקלויט; ער איז אומריין פאַר אייך. 7 און דעם חזיר, ווייל באַקלויט מיט קלויען איז ער, און די קלויען זיינען ביי אים צעשפּאָלטן, אָבער ער איז ניט מַעֲלֵה־גֵרָה; ער איז אומריין פאַר אייך. 8 פון זייער פלייש טאָרט איר ניט עסן, און אָן זייער נבֵלה טאָרט איר זיך ניט אָנרירן; אומריין זיינען זיי פאַר אייך.

9 דידאָזיקע מעגט איר עסן פון אַלץ וואָס אין וואַסער: אַלץ וואָס האָט פלוספעדערן און שופּן אין וואַסער, אין די ימען און אין די טייכן, זיי מעגט איר עסן. 10 און אַלץ וואָס האָט ניט פלוספעדערן און שופּן, אין די ימען און אין די טייכן, פון אַלע ווידמענונגען פון וואַסער, און פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס אין וואַסער, זיי זיינען אַן אומווערדיקייט פאַר אייך. 11 און אַן אומווערדיקייט זאָלן זיי אייך זיין; פון זייער פלייש זאָלט איר ניט עסן, און זייער נבֵלה זאָלט איר פאַראומווערדיקן. 12 אַלץ וואָס האָט ניט קיין פלוספעדערן און שופּן אין וואַסער, דאָס איז אַן אומווערדיקייט פאַר אייך.

13 און דידאָזיקע זאָלט איר פאַראומווערדיקן פון פויגלען; זיי טאָרן ניט געגעסן ווערן; אַן אומווערדיקייט זיינען זיי: דעם אָדלער, און דעם ביינברעכער, און דעם שוואַרצאָדלער; 14 און די ווײַ, און דעם פאַלקפויגל לויט זיינע מינים; 15 יעטוועדער ראָב לויט זיינע מינים; 16 און דעם שטרויספויגל, און דעם נאַכטשפּאַרבער, און דעם ים־פויגל, און דעם

שפּאַרבער לויט זיינע מינים; 17 און די אייל, און דעם פישפרעסער, און די שטאָקאַייל; 18 און דעם אוהו, און דעם פּעליקאַן, און דעם גייַער; 19 און דעם שטאָרך, דעם בושל לויט זיינע מינים, און דעם אויערהאָן, און די פלעדערמויז.

20 און יעטוועדער געפליגלטע ווידעמנונג וואָס גייט אויף פיר, זי איז אַן אומווערדיקייט פאַר אַייך. 21 אָבער דאָס מעגט איר עסן פון אַלע געפליגלטע ווידמענונגען וואָס גייען אויף פיר: דאָס וואָס האָט געלענקען איבער זיינע פיס, צו שפרינגען מיט זיי אויף דער ערד. 22 די־דאָזיקע פון זיי מעגט איר עסן: דעם היישעריק לויט זיינע מינים, און דעם גראָזפרעסער לויט זיינע מינים, און דעם שפרינגהיישעריק לויט זיינע מינים, און דעם גריל לויט זיינע מינים. 23 אָבער יעטוועדער [אַנדערע] געפליגלטע ווידמענונג וואָס האָט פיר פיס, זי איז אַן אומווערדיקייט פאַר אַייך.

24 און פון די־דאָזיקע וועט איר ווערן אומריין; איטלעכער וואָס רירט זיך אָן אָן זייער נבֵלה, זאָל זיין אומריין ביזן אָוונט. 25 און איטלעכער וואָס טראָגט עפּעס פון זייער נבֵלה, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. 26 איטלעכע בהמה וואָס איז באַקלויט מיט קלויען, אָבער דורכגעשפּאָלטן זיינען זיי ניט דורכגעשפּאָלטן ביי איר, אָדער זי איז ניט מַעֲלֵה־גֵרָה, זיי זיינען אומריין פאַר אַייך; איטלעכער וואָס רירט זיך אָן זיי אָן, זאָל ווערן אומריין. 27 און אַלע וואָס גייען אויף זייערע לאַפּעס, צווישן אַלע חַיות וואָס גייען אויף פיר, זיי זיינען אומריין פאַר אַייך; איטלעכער וואָס רירט זיך אָן אָן זייער נבֵלה, זאָל זיין אומריין ביזן אָוונט. 28 און דער וואָס טראָגט זייער נבֵלה, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיין אומריין ביזן אָוונט; אומריין זיינען זיי פאַר אַייך.

29 און דאָס איז וואָס איז אומריין פאַר אַייך צווישן די שרצים וואָס קריכן אויף דער ערד: דאָס וויזעלע, און די מויז, און די שילדקרעט לויט אירע מינים; 30 און די גראָבמויז, און דער לאַנדקראָקאָדיל, און דער עקדעש, און דער זאַמדעקדעש, און דער כאַמעלעאָן. 31 דאָס זיינען די וואָס זיינען אומריין פאַר אַייך צווישן אַלע שרצים; איטלעכער וואָס רירט זיך אָן זיי אָן ווען זיי זיינען טויט, זאָל זיין אומריין ביזן אָוונט. 32 און אַלץ וואָס עפּעס פון זיי וועט פאַלן דערויף ווען זיי זיינען טויט, זאָל ווערן אומריין, סיי וואָסער עס איז הילצערנע כלי, אָדער אַ בגד, אָדער אַ פעל, אָדער אַ זאַק, איטלעכע כלי וואָס דערמיט ווערט געטאָן אַרבעט, זאָל אַריינגעטאָן ווערן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט, און ווערן ריין. 33 און איטלעכע ליימענע כלי וואָס אין איר וועט אַריינפאַלן עפּעס פון זיי, זאָל אַלץ וואָס אין איר ווערן אומריין, און זי זאָלט איר צעברעכן. 34 איטלעך עסנוואַרג [דערין] וואָס ווערט געגעסן, וואָס דערויף איז געקומען וואַסער, זאָל ווערן אומריין; און יעטוועדער געטראַנק וואָס ווערט געטרונקען אין אַלע אַזעלכע כלים, זאָל ווערן אומריין. 35 און אַלץ וואָס עפּעס פון זייער נבֵלה וועט פאַלן דערויף, זאָל ווערן אומריין; אויב אַ באַקאויוון אָדער אַ קאָכאויוון, זאָל עס צעבראָכן ווערן; אומריין זיינען זיי, און אומריין זאָלן זיי אַייך זיין. 36 אָבער

יז יח לְמִינֵהוּ׃ וְאֶת־הַכּוֹס וְאֶת־הַשָּׁלָךְ וְאֶת־הַיַּנְשׁוּף׃ וְאֶת־
יט הַתִּנְשֶׁמֶת וְאֶת־הַקָּאָת וְאֶת־הָרָחָם׃ וְאֵת הַחֲסִידָה הָאֲנָפָה
כ לְמִינָהּ וְאֶת־הַדּוּכִיפַת וְאֶת־הָעֲטַלֵּף׃ כֹּל שֶׁרֶץ הָעוֹף
כא הַהֹלֵךְ עַל־אַרְבַּע שֶׁקֶץ הוּא לָכֶם׃ אַךְ אֶת־זֶה תֹּאכְלוּ
מִכֹּל שֶׁרֶץ הָעוֹף הַהֹלֵךְ עַל־אַרְבַּע אֲשֶׁר־לא כְרָעַיִם
כב מִמַּעַל לְרַגְלָיו לְנַתֵּר בָּהֵן עַל־הָאָרֶץ׃ אֶת־אֵלֶּה מֵהֶם
תֹּאכֵלוּ אֶת־הָאַרְבֶּה לְמִינוֹ וְאֶת־הַסָּלְעָם לְמִינֵהוּ וְאֶת־
כג הַחַרְגֹּל לְמִינֵהוּ וְאֶת־הֶחָגָב לְמִינֵהוּ׃ וְכֹל שֶׁרֶץ הָעוֹף
כד אֲשֶׁר־לוֹ אַרְבַּע רַגְלָיִם שֶׁקֶץ הוּא לָכֶם׃ וּלְאֵלֶּה תִּטַּמָּאוּ
כה כָּל־הַנֹּגֵעַ בְּנִבְלָתָם יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃ וְכָל־הַנֹּשֵׂא מִנִּבְלָתָם
כו יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ לְכָל־הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר הִוא
מַפְרֶסֶת פַּרְסָה וְשֶׁסַע ׀ אֵינֶנָּה שֹׁסַעַת וְגֵרָה אֵינֶנָּה מַעֲלָה
כז טְמֵאִים הֵם לָכֶם כָּל־הַנֹּגֵעַ בָּהֶם יִטְמָא׃ וְכֹל ׀ הוֹלֵךְ עַל־
כַּפָּיו בְּכָל־הַחַיָּה הַהֹלֶכֶת עַל־אַרְבַּע טְמֵאִים הֵם לָכֶם
כח כָּל־הַנֹּגֵעַ בְּנִבְלָתָם יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃ וְהַנֹּשֵׂא אֶת־נִבְלָתָם
יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב טְמֵאִים הֵמָּה לָכֶם׃ ס
כט וְזֶה לָכֶם הַטָּמֵא בַּשֶּׁרֶץ הַשֹּׁרֵץ עַל־הָאָרֶץ הַחֹלֶד וְהָעַכְבָּר
ל וְהַצָּב לְמִינֵהוּ׃ וְהָאֲנָקָה וְהַכֹּחַ וְהַלְּטָאָה וְהַחֹמֶט וְהַתִּנְשָׁמֶת׃
לא אֵלֶּה הַטְּמֵאִים לָכֶם בְּכָל־הַשָּׁרֶץ כָּל־הַנֹּגֵעַ בָּהֶם בְּמֹתָם
לב יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃ וְכֹל אֲשֶׁר־יִפֹּל עָלָיו מֵהֶם ׀ בְּמֹתָם
יִטְמָא מִכָּל־כְּלִי־עֵץ אוֹ בֶגֶד אוֹ־עוֹר אוֹ שָׂק כָּל־כְּלִי
אֲשֶׁר־יֵעָשֶׂה מְלָאכָה בָּהֶם בַּמַּיִם יוּבָא וְטָמֵא עַד־הָעֶרֶב
שב׳ וְטָהֵר׃ וְכָל־כְּלִי־חֶרֶשׂ אֲשֶׁר־יִפֹּל מֵהֶם אֶל־תּוֹכוֹ כֹּל
לד אֲשֶׁר בְּתוֹכוֹ יִטְמָא וְאֹתוֹ תִשְׁבֹּרוּ׃ מִכָּל־הָאֹכֶל אֲשֶׁר
יֵאָכֵל אֲשֶׁר יָבוֹא עָלָיו מַיִם יִטְמָא וְכָל־מַשְׁקֶה אֲשֶׁר יִשָּׁתֶה
לה בְּכָל־כְּלִי יִטְמָא׃ וְכֹל אֲשֶׁר־יִפֹּל מִנִּבְלָתָם ׀ עָלָיו יִטְמָא
לו תַּנּוּר וְכִירַיִם יֻתָּץ טְמֵאִים הֵם וּטְמֵאִים יִהְיוּ לָכֶם׃ אַךְ

כא׳ לֹ קרי לב׳ קמץ בז״ק לה׳ קמץ בטרחא

מַעְיָן וּבוֹר מִקְוֵה־מַיִם יִהְיֶה טָהוֹר וְנֹגֵעַ בְּנִבְלָתָם יִטְמָא׃
וְכִי יִפֹּל מִנִּבְלָתָם עַל־כָּל־זֶרַע זֵרוּעַ אֲשֶׁר יִזָּרֵעַ טָהוֹר לז
הוּא׃ וְכִי יֻתַּן־מַיִם עַל־זֶרַע וְנָפַל מִנִּבְלָתָם עָלָיו טָמֵא לח
הוּא לָכֶם׃ ס וְכִי יָמוּת מִן־הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר־הִיא לָכֶם לט
לְאָכְלָה הַנֹּגֵעַ בְּנִבְלָתָהּ יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃ וְהָאֹכֵל מִנִּבְלָתָהּ מ
יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב וְהַנֹּשֵׂא אֶת־נִבְלָתָהּ יְכַבֵּס
בְּגָדָיו וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וְכָל־הַשֶּׁרֶץ הַשֹּׁרֵץ עַל־הָאָרֶץ מא
שֶׁקֶץ הוּא לֹא יֵאָכֵל׃ כֹּל הוֹלֵךְ עַל־גָּחוֹן וְכֹל ׀ הוֹלֵךְ מב
עַל־אַרְבַּע עַד כָּל־מַרְבֵּה רַגְלַיִם לְכָל־הַשֶּׁרֶץ הַשֹּׁרֵץ עַל־
הָאָרֶץ לֹא תֹאכְלוּם כִּי־שֶׁקֶץ הֵם׃ אַל־תְּשַׁקְּצוּ אֶת־ מג
נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּכָל־הַשֶּׁרֶץ הַשֹּׁרֵץ וְלֹא תִטַּמְּאוּ בָּהֶם וְנִטְמֵתֶם
בָּם׃ כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים מד
כִּי קָדוֹשׁ אָנִי וְלֹא תְטַמְּאוּ אֶת־נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּכָל־הַשֶּׁרֶץ
הָרֹמֵשׂ עַל־הָאָרֶץ׃ כִּי ׀ אֲנִי יְהוָה הַמַּעֲלֶה אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מה
מִצְרַיִם לִהְיֹת לָכֶם לֵאלֹהִים וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ
אָנִי׃ זֹאת תּוֹרַת הַבְּהֵמָה וְהָעוֹף וְכֹל נֶפֶשׁ הַחַיָּה הָרֹמֶשֶׂת מו
בַּמָּיִם וּלְכָל־נֶפֶשׁ הַשֹּׁרֶצֶת עַל־הָאָרֶץ׃ לְהַבְדִּיל בֵּין מז
הַטָּמֵא וּבֵין הַטָּהֹר וּבֵין הַחַיָּה הַנֶּאֱכֶלֶת וּבֵין הַחַיָּה אֲשֶׁר
לֹא תֵאָכֵל׃ פ

אַ קוואַל אָדער אַ גרוב ווו וואַסער איז איינגעזאַמלט, זאָל בלייבן ריין; נאָר דער וואָס רירט זיך אָן אָן זייער נבֵלה, זאָל ווערן אומריין. 37 און אויב פון זייער נבֵלה וועט פאַלן אויף וואָסער עס איז זאָמען פון זריעה וואָס ווערט געזייט, איז ער ריין. 38 אויב אָבער אויפן זאָמען איז אַרויפגעטאָן געוואָרן וואַסער, און עפּעס פון זייער נבֵלה וועט פאַלן דערויף, איז ער אומריין פאַר אַייך.

39 און אַז איינע פון די בהמות וואָס זיינען פאַר אַייך צום עסן וועט אַוועקפאַלן, זאָל דער וואָס רירט זיך אָן אָן איר נבֵלה, זיין אומריין ביזן אָוונט. 40 און דער וואָס עסט פון איר נבֵלה, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיין אומריין ביזן אָוונט; און דער וואָס טראָגט איר נבֵלה, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. 41 און יעטוועדער שרץ וואָס קריכט אויף דער ערד, איז אַן אומווערדיקייט; ער זאָל ניט געגעסן ווערן. 42 אַלץ וואָס גייט אויפן בויך, און אַלץ וואָס גייט אויף פיר, און אַלץ וואָס איז פילפיסיק, אַלע שרצים וואָס קריכן אויף דער ערד, זיי זאָלט איר ניט עסן, וואָרום אַן אומווערדיקייט זיינען זיי. 43 איר זאָלט ניט פאַראומווערדיקן אַייער זעל מיט קיין שרץ וואָס קריכט, און איר זאָלט זיך ניט פאַראומרייניקן מיט זיי, און ווערן אומריין דורך זיי. 44 וואָרום איך בין יהוה אַייער גאָט, און איר זאָלט זיך הייליקן און זיין הייליק, וואָרום איך בין הייליק; און איר זאָלט ניט פאַראומרייניקן אַייער זעל מיט קיין שרץ וואָס ווידמענט זיך אויף דער ערד. 45 וואָרום איך בין יהוה וואָס האָט אַייך אויפגעבראַכט פון לאַנד מִצרַיִם, אַייך צו זיין צום גאָט; דרום זאָלט איר זיין הייליק, ווייל איך בין הייליק.

46 דאָס איז דער דין פון בהמות, און פויגלען, און יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש וואָס ווידמענט זיך אין וואַסער, און וועגן יעטוועדער באַשעפעניש וואָס קריכט אויף דער ערד, 47 כּדי אָפּצושיידן צווישן אומריינעם און ריינעם, און צווישן דער לעבעדיקער זאַך וואָס מעג געגעסן ווערן, און דער לעבעדיקער זאַך וואָס טאָר ניט געגעסן ווערן.

# תַזְרִיעַ

יב

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל א ב
לֵאמֹר אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ וְיָלְדָה זָכָר וְטָמְאָה שִׁבְעַת יָמִים
כִּימֵי נִדַּת דְּוֺתָהּ תִּטְמָא׃ וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר ג
עָרְלָתוֹ׃ וּשְׁלֹשִׁים יוֹם וּשְׁלֹשֶׁת יָמִים תֵּשֵׁב בִּדְמֵי טָהֳרָה ד
בְּכָל־קֹדֶשׁ לֹא־תִגָּע וְאֶל־הַמִּקְדָּשׁ לֹא תָבֹא עַד־מְלֹאת
יְמֵי טָהֳרָהּ׃ וְאִם־נְקֵבָה תֵלֵד וְטָמְאָה שְׁבֻעַיִם כְּנִדָּתָהּ ה

יא, מב׳ ו רבתי והוא חצי התורה באותיות   מג׳ חסר א׳   יב, ד׳ קמץ סביע

יב 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 2 רעד צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן:

אַ פרוי אַז זי וועט געלעגן ווערן, און געבערן אַ ייִנגל, זאָל זי זיין אומריין זיבן טעג; אַזוי ווי די טעג פון דער אָפּזונדערונג אין איר קראַנקשאַפט זאָל זי זיין אומריין. 3 און אויפן אַכטן טאָג זאָל געמַלט ווערן דאָס פלייש פון זיין פאָרהויט. 4 און דרייסיק טעג מיט דריי טעג זאָל זי בלייבן אין דעם בלוט פון רייניקונג; אָן קיין הייליקער זאַך זאָל זי זיך ניט אָנרירן, און אין הייליקטום זאָל זי ניט קומען, ביז די טעג פון איר רייניקונג ווערן פול. 5 אויב אָבער זי וועט געבערן אַ מיידל, זאָל זי זיין אומריין צוויי וואָכן, אַזוי ווי אין איר אָפּזונדערונג,